Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 154 | Łódź, Poniedziałek, 4 lipca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ל׳ סיון תרצ״ב | № 154

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# א הסכם אין לאזאן

# צווישען די 5 גרויסע מלוכות און דייטשלאנד

לאזאן, 3 (ספ. טעל.)

מאקדאנאלד האט היינט אפגעהאלטען א אנדערטהאלבען-שעה׳דיגע קאנפערענץ מיט די דייטשע מיניסטארען.

שפעטער האט ער וועגען דער דאזיגער קאנפערענץ אנגעגעבען א בעריכט די פארשטייער פון די 5 גרויסע מלוכות-קרעדיטארען.

מאקדאנאלד האט בעשלאסען צו פערלענגערען זיין אנוועזענהייט אין לאזאן, אין דער האפענונג אויף פאזיטיווע רעזולטאטען.

לאזאן, 3 (ספ. טעל.)

מאקדאנאלד האט היינט איבערגעגעבען פאן פאפען די פארשלאגען פון די 5 גרויסע מלוכות.

לכתחילה האט פאן פאפען זיך גענומען צייט צו געבען אנ׳ענטפער.

ביי טאג אבער האט די דייטשע דעלעגאציע ארויסגערוקט איהרע אביעקציעס.

היינט וועלען זיך אנהויבען די בעראטונגען פון די עקספערטען פון די 5 גרויסע מלוכות וועגען די אביעקציעס פון דייטשלאנד.

לאזאן, 3 (ספ. טעל.)

פאן פאפען האט ערקלערט, אז, אייגענטליך, האט ער גארנישט נעגען דעם פארשלאג פון די 5 מלוכות און אז ער איז גרייט תיכף צו ראטיפיצירען דעם אפמאך.

דייטשלאנד איז גרייט צו צאהלען 2 מיליארד מארק, פונאנדערגעטיילט אין ראטעס אויף עטליכע צעהנדליג יאהר, און אז די ערשטע ראטע זאל דארפען געצאהלט ווערען נאך א 3 יאהריגען מאראטאריום.

## בלוט אין די בערלינער גאסען

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

נעכטען אין אוונד זענען אין פארשידענע טיילען פון דער שטאט פארגעקומען בלוטיגע צוזאמענשטויסען.

אין רעזולטאט זענען דא 3 דער׳הרג׳עטע און 5 שווער-פערוואונדעטע.

## צוגעמאכט דעם „פארווערטס"

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

אלס פועל יוצא פון בעשלוס פון מלוכה-טריבונאל, האט פאליציי פערמאכט דעם „פארווערטס" פון 4. ביז׳ן 8. ד.ח איינשליסליך.

## בלוטיגע קאמפען אין אינדיען

### ווידער 100 דער׳הרג׳עטע און שווער-פערוואונדעטע

באמבעי, 3. (ספ. טעל.)

די בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען די מאהאמעטאנער און הינדוסען זענען עהרנעכטען און נעכטען ווידער פארגעקומען.

די קאמפען זענען פארגעקומען גלייכצייטיג אין עטליכע פונקטען פון דער שטאט.

עס זענען געפאלען אנ׳צרך 100 קרבנות — דער׳הרג׳עטע און שווער-פערוואונדעטע.

די פאליציי האט זיך בעת דער אינטערווענץ בענוצט מיט שיס-געוועהר, און מיט גרויס מיה איז געלונגען איינצושטעלען א פערהעלטנישמעסיגע בערוהיגונג.

לאנדאן, 3. (ספ. טעל.)

די בלוטיגע קאמפען הערען נישט אויף.

אין משך פון די לעצטע 3 טעג זענען פערנאטירט געווארען 20 דער׳הרג׳עטע און איבער 300 פערוואונדעטע

## טעלעפאן קאירא—לאנדאן



עגיפטישער פרעמיער פיהרט דאס ערשטע געשפרעך מיט׳ן ענגלישען לארד-קאנצלער.

## נייער יוגאסלאווישער קאבינעט

בעלגראד, 3 (ספ. טעל.) גוט-אינפארמירטע קרייזען טיילען מיט, אז דער קעניג האט נעכטען בעאויפטראגט צו בילדען א נייעם קאבינעט דעם בידאיצטיגען אינערן-מיניסטער סרסקיצ׳ן.

סרסקיץ האט געהערט צו דער גרופע געוועזענע ראדיקאלען, געגען וועלכע עס ווענדט זיך דער עיקר די אפאזיציע, וואס בעשטייט פון די עקסט-רעכטע.

דער מיניסטער סרסקיץ ווערט בעטראכט אלס א זעהר פעהיגער פאליטיקער און עס הערשט די סברא, אז איהר וועט געראטען צו סדר׳ן די איבעריקע פאליטישע פערהעלטענישען אין לאנד.

בעלגראד, 3 (ספ. טעל.)

דער נייער יוגאסלאווישער קאבינעט איז שוין דעפיניטיוו פערמאכט געווארען, און די מיניסטארען האבען היינט אפגעגעבען די שבועה.

## דער מלוכה-פרעזידענט צוריק אין ווארשא

ווארשא, 3 (טעלעפאניש).

נעכטען איינס א זייגער איז צוריקגעקומען קיין ווארשא, נאך א חודש פערברענגען אין טשעכאטשינעק, דער מלוכה-פרעזידענט.

מארגען, מאנטאג, וועט דער מלוכה-פרעזידענט איבערנעהמען די פולמאכט-שריפטען פון דעם ניי-באמינירטען רומענישען געזאנדטען אין פוילען, מיניסטער וויסאר צעדא.

די וואך וועט אויך בעלייגען אין שלאס זיינע בעפולמעכטיגונגס-בריף דער נייער טערקישער אמבאסאדאר, סעריטי ביי.

## גראף גראווינא גייט ווערען היטלערס א קוזין...

גענף, 3 (ספ. טעל.)

אין די היגע פאליטישע קרייזען ווערט אין די לעצטע טעג א סך גערעדט וועגען דעם, אז אדאלף היטלער קלייבט זיך התונה צו האבען מיט דער פרוי ווינפרעד וואגנער, די אלמנה נאך זיגפריד וואגנער׳ן, די גאנץ. שנור פון דעם גרויסען קאמפאזיטאר.

ווי בעקאנט, איז דער הויך-קאמיסאר פון פעלקער-בונד אין דאנציג, גראף גראווינא, דער מאן פון ריכארד וואגנערס אנ׳איינעקעל.

בזה האופן האלט עס דערביי, אז גראף גראווינא און אדאלף היטלער זאלען ווערען גאר נאהענטע קרובים.

פאר גאלד, בריליאנטען

און לאמבארד-קוויטען

צאהלט די העכסטע פרייזען

אליזער פיאלקא, פעטריקאווער 7

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט מיינע ג. קונדשאפט, דאס מיין

רעסטאראן

איז איבערגעטראגען געווארן פון פעטריקאווער 81 אויף פעטריקאווער 43

(אין הויף) און עמפפעהל זיך ווייטער מיינע ג. קונדשאפט. מיט אכטונג ח. באָרדיני

פיעטריקאווער 43.

די פרייזען פון די מיטאגען זענען צוליב׳ן קריזיס רעדוצירט אויף 1.60, מיט געפליגעל—1.75

בעמערקונג: איך גיב טראפ אין משך פון 10 טאג ליזונג 2 פראצ. פאר קרן קימת און פאר „לינת הצדק"

א הייל-אנשטאלט

פאר אויערן, נאז, האלז און אטעם-קראנקהייטען

פון Dr. Z. RAKOWSKI

איז בעלמי (הינטער לאדז)

נעהמט אן אגמעלדונגען אויף צו זיין און אפעראציע, הילף. — פיזיקאלישע היילונג, הייל-בעדער, זון-לופט, בעדער, הייל- און אטעם-גימנאסטיק.

צו ערפאהרען אויפ׳ן ארט אדער 11 ליסטאפאד 9

טעל. 127-81 1866

אכטונג, מיטגלידער פון דער יודישער פאלקס-באנק, גלובנא 41

דער המשך פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג

קומט פאר דינסטאג, דעם 5-טען ד. ח. 8 א זייגער אוונד אין לאקאל פון דער יודישער פאלקס-אוניווערזיטעט, שענקיעוויטשא 3/5.

מיר פאדערן אויף אלע מיטגלידער צו קומען פינקטליך צו דער פערזאמלונג.—

דאס פרעזידיום. 8607

א הארציגען פאהרט-געזונד

ווינשען מיר אונזער חשוב׳ן פערוואלטונגס-מיטגליד און קאסירער

ה׳ מאיר ליבערמאן

צו זיין אבפאהרען אויף קוראציע.

די פערוואלטונג

פון לאדזער יוד. פליישער-פעראיין

פיעטריקאווער 24. 4100

## געדענקט, יודען!

אז איהר דארפט פריהער נישט אונטערנעהמען קיין שום שריט אין אייער רעכטליכען ענין, כל זמן איהר האט זיך נישט פערשטענדיגט מיט׳ן רעכטס-פובליציסט י. אינפעלד. לאדז. פיעטריקס. 31 אויפנאהם-שעה׳ן טעגליך פון 4—8 אוו.

